# אינטערעסאַנטע נייעס פון דער אידישע

פון הרב א. ב. שורין

## 128 תלמידים פון ישיבת רבנו יצחק אלחנן קריגן סמיכה ביי פייערליכער צערעמאָניע

אין דער אַנוועזנהייט פון איבער צוויי טויזענט געסט פון ניו יאָרק און איבער'ן לאַנד איז לעצטען זונטאָג פאָרגעקומען דער „חג הסמיכה" אין ישיבת רבנו יצחק אלחנן, ווען 128 תלמידים האָבען אָפיציעל געקראָגען זייער סמיכה פאַר רבנות. טאַטעס און מאַמעס, באָבעס און זיידעס, האָבען דערביי אָפּגעווישט אַ טרער פון שמחה פון זייערע אויגען ווען דער „דיען" פון ישיבה, דר. שמואל ל. זאַר, האָט אויסגערופען די נעמען פון זייערע זיהן און אייניקלעך און אָפיציעל ערקלערט, אַז פון היינט און ווייטער וועלען די קינדער זייערע זיין רבנים ביי אידען. ניט אַזוי לייכט איז עס די תלמידים אָנגעקומען. 15 יאָר פון לערנען מיט התמדה האָבען די ישיבה־בחורים געמוזט אוועקגעבען פאַר דעם געהויבענעם מאָמענט ווען זיי האָבען די סמיכה געקראָגען.

דר. בעלקין, דער פּרעזידענט און ראש הישיבה פון ישיבה־אוניווערסיטעט, האָט אין זיין באַגריסונגס־רעדע צו די יונגע רבנים אָנגעוויזען, אַז א „חג־הסמיכה" מיינט ניט קיין גראַדועישאַן, נאָר עס איז בלויז דער אָנפאַנג פון אַ נייַ לעבען, וואָס דער יונגער רב דאַרף ערשט אָנהויבען צו פירען. דער גרעסטער טיטול ביי אידען, האָט דר. בעלקין פאָרגעזעצט, איז „תלמיד־חכם", וואָס מיינט, אַז דער איד דאַרף זיין גאַנצען לעבען זיין אַ תלמיד. די תורה ענדיגט מען קיינמאָל ניט. הרב בעלקין האָט בהייט ארומגערעדט די וויכטיגקייט פון סמיכה, וואָס ציהט זיך ווי אַ לאַנגע קייט פון משה רבנו, דורך יהושע און די זקנים, דורך אַלע דורות ביז'ן היינטיגען טאָג.

די פּראָגראַם־רעדע צו די מוסמכים האָט געהאַלטען דער ראש־הישיבה, דער וועלט־באַרימטער גאון רבי יוסף בער סאָלאָווייטשיק. אין זיין רעדע, וועלכע איז געווען דורכגעפלאָכטען מיט פּאַסיגע מאַמרי חז"ל און טיפזיניגע אָריגינעלע געדאַנקען, האָט הרב סאָלאָווייטשיק אַרויסגעבראַכט, אַז יהדות איז אַ לעבענסוועג, וואָס ציהט איר יניקה, פון דער תורה שבכתב און פון דער תורה שבעל פה. ווענדענדיג זיך צו די יונגע רבנים, וואָס האָבען איצט געקראָגען זייער סמיכה, האָט רבי יוסף בער געזאָגט: רבנות איז ניט קיין פּאָליטישער אַמט וואָס גיט דעם רב מאַכט. רבנות מיינט, זיך פירען און פירען די אידישע קהילות אויף די יסודות פון דער אידישער הלכה. רבנות, אַפילו אין אַמעריקע, מיינט ניט זיין אַ סאָשעל דירעקטאָר, וואָס זאָל דיקטירט ווערען פון אַ פּרעזידענט פון אַ שול, צי פון בעלי־בתים. דיקטירען קען און זאָל בלויז דער שולחן ערוך, די תורה שבעל פה.

הרב סאָלאָווייטשיק האָט פאָרגעזעצט און געזאָגט צו די מוסמכים, וועלכע געהען איצט אַרויס פון דער ישיבה, אַז זיי דאַרפען אַוועקטראָגען מיט זיך ניט בלויז די תורה, וואָס זיי האָבען געלערענט אין דער ישיבה, נאָר דאַרפען אויך מיטנעמען מיט זיך דעם רעליגיעזען ציטער, וואָס זיי האָבען געקראָגען פון זייערע רביים ביים לערנען די תורה.

דער חשוב'ער ראש ישיבה האָט מיט אַ שמייכעל, אָבער גלייכצייטיג מיט גרויס ערנסט, דערמאָנט די מוסמכים, אַז אויך אַ רב דאַרף לערנען. יעדער רב אין זיין קהילה דאַרף „קובע זיין עתים לתורה". און אין דער צייט ווען דער רב מאָנט פון זיינע בעלי־בתים, אַז זיי זאָלען זיך פירען אין אידישען וועג, דאַרף ער גלייכצייטיג וויסען, אַז ער אַליין, דער רב, דאַרף זיין דער מוסטער פון תורה, אַט פונקט ווי עס זענען אַמאָל געווען די רבנים ביי אידען. אויך דאַרף אַ רב וויסען, אַז אַ שאלה איז ניט בלויז די וועלכע עס איז געשריבען אין שולחן־ערוך, נאָר אויך אַ סאָציאַלע און פּאָליטישע שאלה, וועלכע שטעהט ניט אין שולחן־ערוך, איז אויך אַ שאלה, און מען דאַרף איר אויך פּסק'ענען לויט דער אידישער הלכה. און אויב אַ יונגער רב קען אַזאַ שאלה אַליין ניט פּסק'ענען זאָל ער זיך אָנפרעגען ביי זיינע רביים אין דער ישיבה.

די יונגע רבנים דאַרפען אויך וויסען, האָט הרב סאָלאָווייטשיק באַמערקט צו זיינע געוועזענע תלמידים, אַז זיי זיינען שומרים, היטער, פון דער גרויסער ירושה וועמען די פריהערדיגע דורות רבנים און גאונים, ביז די חכמי התלמוד, האָבען אָנפאַרטרויט, אַז זיי זאָלען איר היטען אין ריכטיגען גייסט און איר אמת'ער טראַדיציע.

הרב סאָלאָווייטשיק האָט אָבער אויסגעדריקט זיין האָפענונג, אַז די תלמידים פון ישיבת רבנו יצחק אלחנן, וואָס האָבען איצט געקראָגען זייער סמיכה, וועלען וויסען ווי טייער צו האַלטען די קרוין פון דער ישיבה פון וואַנען זיי האָבען געקראָגען זייער תורה און זייער וועג אין לעבען.

ביי אַ ספּעציעלען באַנקעט, אַלס אַ טייל פון „חג־הסמיכה", וואָס די מוסמכים פון דער ישיבה האָבען געגעבען פאַראַכטאָגען דאָנערשטאָג לכבוד זייער רבי'ן, הרב דר. יוסף בער סאָלאָווייטשיק, איז אָפיציעל אָנאָנסירט געוואָרען, אַז די ישיבה־יוניווערסיטי עפענט אַ ספּעציעלע „קאַטעדרע פאַר הלכה און אידישער פילאָזאָפיע" אויפ'ן נאָמען פון הרב סאָלאָווייטשיק. כדי צו ערמעגליכען פינאַנציעל די נייע אונטערנעמונג פון דער ישיבה האָבען די מוסמכים אין עהרע פון זייער רבי'ן באַלד אויף אָן אָרט צווישען זיך געשאַפען די סומע פון 45 טויזענט דאָלאַר אַלס אָן אַוואַנס פאַר דער נייער קאַטעדרע.

מיט אַ טאָג פריהער האָבען די יונגע רבנים און די תלמידים פון דער ישיבה, ביי אַ ספּעציעלען לאָנטשאָן, געערט דעם „דיען", דר. שמואל ל. זאַר, פאַר זיינע פאַרדינסטען פאַר ישיבה־יוניווערסיטי פאַר די לעצטע 35 יאָר. אַלע רעדנער, וועלכע האָבען אָנטייל גענומען אין דער שמחה, האָבען אויסגעדריקט זייערע וואַרימסטע געפיהלען צום „דיען" זאַר פאַר זיין הילף, ראַט און טאַט, וועלכע ער האָט געגעבען די בחורים אין דער צייט ווען זיי האָבען געלערענט אין דער ישיבה. פּראָפ. זאַר איז אויך פּרעזענטירט געוואָרען מיט אַ ספּעציעלען „פּלעק", אויף וועלכען עס איז אויסגעקריצט געוואָרען מיט גאָלדענע אותיות אין דער העברעאישער שפּראַך זיינע פאַרדינסטען פאַר דעם וואוקס און די וויכטיגע דערגרייכונגען פון דער ישיבה ביז'ן היינטיגען טאָג.

[illegible] 9, 1956